










**ספעציעלער פראיעקט**

# סצענעס

**א כאראקטער פון א ״דרשו איד״ איז געבוירן געווארן**. אנשטאט שילדערן זיין געשיכטע אין ווערטער איז עס לעבעדיג אויפגעשפילט געווארן אין 17 קונסט סצענעס וואס האבן איטליכער געשילדערט אן עפיזאד פון אהבת התורה געפלאכטן מיט עמאציע | אינהאלטסרייכער אינטערוויו מיט **ר׳ אלימלך גראסס** פון ״דאַרט מידיע״ און דער טאלאנטפולער פאטאגראפיסט **ר׳ יאסי גאלדבערגער**, די **קריעטיווע מוחות אונטער דעם מאנומענטאלן ״דרשו איד״ פראיעקט** וואס האט געשאקלט א וועלט

## הרב אליעזר ראזען

בילדער: יאסי גאלדבערגער

ער "דרשו איד" קאמפיין איז שוין מער ווייניגער פערטיג, אבער אנגעצינדן האט עס א שוועבל וואס וועט בלייבן ברענען פאר א לאנגער צייט.

די הארעוואניע פון דריי פראפעסיאנעלע גרופעס וועלכע האבן געארבעט אינאיינעם אהערצושטעלן דעם געניאלן און אריגינעלן קאמפיין, וואס האט ווארשיינליך נישט געהאט זיין׳ס גלייכן אין דער היסטאריע פון חרדישער מארקעטינג, האט זיך שוין איינמאל אויסגעצאלט.

פון איין זייט האט זיך עס געשפירט ווי א מוסר באוועגונג. די אריגינעלע הארץ-רירנדע סצענעס און די אטעמפארכאפנדע פאטאגראפיע איז געווארן דאס געשפרעך פון טאג, ברענגענדיג די אזוי געגארטע אויפמערקזאמקייט און מאמענטום צו די הייליגע פראגראמען און חבורות אינערהאלב דעם אלוועלטליכן "דרשו" תורה נעץ און גלייכצייטיג אנגעצינדן א פייער פון אהבת התורה אויף א פרעצעדענטלאזן פארנעם.

פון דער אנדערער זייט האט עס ארויפגעברענגט חסידישע אַרט און מארקעטינג צו א פרישע שטיפע פארשטעלנדיג אריגינעלע קונסט עלעמענטן צום טיש וואס איז נישט געזען געווארן ביז איצט.

פילע פי-אַר קאמפיינס האבן זיך שוין באנוצט מיט פאטאגראפיע אין דער פארגאנגענהייט אבער אין דעם פאל איז עס געווען די ווירקליכקייט פונעם בילד און די אויפמערקזאמקייט צו דעטאלן אינערהאלב די בילדער וואס האבן נישט בלויז געשריגן מיליאנען ווערטער נאר דערציילט גאנצע געשיכטעס פון אינספיראציע און שטארקייט, ארויפברענגענדיג די סטאנדארטן פון פראפעסיאנעלע מארקעטינג אזש אין די נאכפאלגנדע וואכן האט מען געזען ווי אנדערע קאמפיינען האבן באלד קאפירט די אייגנארטיגע שטריכן פון דעם קאמפיין זיך צו באנוצן מיט לעבעדיג אפגעשפילטע סצענעס וועלכע האבן פיל א שטערקערן אילוסטרירנדן כח.

מער פון אלעם איז עס נישט געווען בלויז נאך א מארקעטינג בליץ קאמפיין, נאר האט געטראגן א רוחניות׳דיגן מאנטל. רעדנדיג מיט די ארגאניזירער זעט מען אויך ווי זיי אנערקענען אז כמעט וואס זיי האבן געטון דא אן עבודת הקודש, מיט׳ן דערהייבן דעם כבוד פון לומדי תורה און ברענגען אויפוואכונג פאר התמדת התורה.

אסאך קריעטיווע מוחות האבן געארבעט אויף דעם פראיעקט, וואס איז געווען א געמיינזאמע ארבעט פון די טאלאנטפולע "דאַרט מידיע" גרופע, אינאיינעם מיט ר׳ מענדי לענעראוויטש פון אָנטיים סטודיאס און דעם באקאנטן פראפעסיאנעלן פאטאגראפיסט און ארטיסט ר׳ יאסי גאלדבערגער.

צו הערן איבער די מארקעטינג פערספעקטיוו פון דעם קאמפיין, האבן מיר זיך פארבינדן מיט ר׳ אלימלך גראסס, גראפיקער און פי-אר סטראטעגיסט אינערהאלב דאַרט מידיע, וועלכער איז מער ווי וויליג צו ענטפערן אונזערע פראגעס איבער די מארקעטינג קוק ווינקל פון דער מאנומענטאלער עד סעריע.

באלד אנהויב פון אונזער שמועס מאכט ר׳ אלימלך קלאר אז די קרעדיט איז בכלל נישט בלויז זיינע נאר פאר די גאנצע דאַרט מידיע גרופע שטאב, הויפטזעכליך פאר׳ן טאלאנטפולן מארקעטינג עקספערט און גראפיקער ר׳ דוד קויפמאן, אייגנטימער פון "דאַרט מידיע", וועלכער איז געשטאנען אין שפיץ פונעם פראיעקט און באגלייט די אנטוויקלונגען מיט פראפעסיאנאלע טאט און ראט און אנווייזונגען אויף יעדן ריר.

■ **ס׳איז ווייט נישט דאס ערשטע מאל וואס דרשו לאזט לופטערן אנאנסן איינצומעלדן דעם ציבור הרחב איבער זייערע פראיעקטן, וואס איז געווען דער ציל-פונקט פון דעם יעצטיגער "דער דרשו איד" קאמפיין?**

דרשו גרייט זיך צום גרויסארטיגן סיום הש"ס דעם קומענדיגן ווינטער און דער קאמפיין איז געלאזט געווארן אין גאנג אין בעפארגרייטונג צום מעמד אדיר וואס וועט פארקומען אין פרודענטשל צענטער. דער ציל איז אבער נישט געווען בלויז איינצולאדענען דעם עולם צו א גרויסארטיגן סיום רבתי



**פון איין זייט האט זיך עס געשפירט ווי א מוסר באוועגונג. די אריגינעלע הארץ-רירנדע סצענעס און די אטעמפארכאפנדע פאטאגראפיע איז געווארן דאס געשפרעך פון טאג**



ווייל דערפאר וואלט זיך נישט געפאדערט די קריעטיווע און אייגנארטיגע קאמפיין, נאר דער קאמפיין האט ערהאלטן מערערע צילן (ווי שפעטער געשילדערט).

■ **מצד דרשו, ווער איז דער מענטש וואס איז געשטאנען דערונטער און געוואלט זען דעם קאמפיין אין גאנג?**

מיר האבן בעיקר געארבעט אינאיינעם מיט א חשוב'ן איד, ר' אהרן גאביאוו פון לעיקוואד, וועלכער איז א באקאנטער בעל מחנך אין דעם עיר התורה און דער מנהל פון אן ארטיגער תלמוד תורה און אין די איבעריגע צייט, אויב ס'שייך בכלל צו נוצן דעם אויסדרוק, איז ער דער צווייטער מאן אינערהאלב די פירערשאפט פון דער דרשו ארגאניזאציע וועלכער שטייט צו דער רעכטער האנט פונעם לעגענדארן מחולל ופלאות ומקים עולה של תורה בדורינו הרב דוד האפשטאטער, נשיא דרשו.

ער האט זיך פארבינדן מיט "דאַרט מידיע" אנבאלאנגט דעם קאמפיין און באגלייט די ארבעט במשך די גאנצע צייט פון די געבורט שטאפלען פונעם קאנצעפט ביז שפעטער און שפעטער.

דער נשיא רבי דוד שליט"א איז געווען שטארק אנטציקט פון דעם סוקסעספולן און אריגינעלן דרשו קאמפיין אינערהאלב די חסידישע וועלט. זינט ער האט געזען ווי דער מעסעדזש שלאגט ווארצלען און עס ווערט דערהויבן דעם כבוד פון לומדי תורה, האט ער באשלאסן אויסצוברייטערן די צוזאמענארבעט אויף נאך פילע פראיעקטן לכבוד התורה און לכבוד'ן סיום.

■ **דורכאויס די פלאנירונג שטאפלען, וואס זענען געווען די אריגינעלע צילן וואס מ'האט געוואלט ערגענצן מיט'ן קאמפיין?**

מיר זענען זיך צונויפגעקומען פאר א זיצונג אין לעיקוואד מיט הרב גאביאוו, וואו ער האט גערעדט גאנץ קלארע ווערטער אז דער ציל פונעם קאמפיין איז אין איינקלאנג מיט'ן גרויסן סיום, ער האט אבער גע'טענה'ט, אז אויסגעבן גרויס געלט פאר מארקעטינג אבי אידן זאלן קומען צום סיום איז נישט גענוג.

דער דרשו סיום איז נישט קיין דינער וואס מ'צילט דער עיקר צו האבן א גרויסער ציבור וואס זאל אנפילן דעם זאל. ס'איז א שאד אויב אזויפיל געלט ווערט געשפענדט און ס'זאל נישט ברענגען פרישע לומדים, הייבן דעם כבוד התורה און האבן א לאנג-טערמיניגע השפעה. כ'בין אהיים פון דער זיצונג מיט אסאך היימארבעט. איין קאמפיין וואס דארף האבן פילזייטיגע דימענסיעס.

א וויכטיגער פונקט וואס כ'האב געהאט פאר די אויגן איז געווען אז דער קאמפיין איז געצילט פאר'ן היימישן חסידישן עולם און מ'דארף רעדן אין א היימישער שפראך וואס זאל "רעדן" צום היימישן ציבור.

דרשו האט שוין אויסגעגעבן אסאך געלט פאר מארקעטינג נאך איידער זיי זענען אנגעקומען צו 'דארט מידיע', אבער מייסטנס האט עס גערעדט צום ליטווישן עולם אין דער צייט וואס יעדער געזעלשאפט האט זיך זיין אייגענעם לעבנסשטייגער און זיינע אייגענע ניואנסן און נישט יעדער אנאנס וואס איז געאייגנט פאר א איד אין די פייוו טאונס רעדט פאר א איד אין וויליאמסבורג.

אזוי האבן מיר זיך געטראפן אריינטרעטן אין אן אינטערעסאנטן פאראדאקסישן מציאות, ווי די דרשו ארגאניזאציע אנטהאלט א באדייטנדע פראצענט חסידישע לומדים אבער דאך איז די מארקעטינג קיינמאל נישט געווען אויסגעשטעלט עס זאל ריכטיג צילן דעם היימישן ציבור.

■ **וויאזוי איז מען למעשה אנגעקומען צום געבורט פון דעם 'דרשו איד' קאנצעפט און דער גאנצער גאנג פונעם קאמפיין מיט אלע קינסטליכע קלאפערגעצייג?**

אה, שטייטעלעך, שטייטעלעך.

אנהויב האט דאס בילד אויסגעזען גאנץ פארנעפלט. כ'האב מיך געבראכן קאפ וואס מ'טוט ווייטער. מיר האבן באשלאסן אז איידער מיר הייבן אן איינצושטעלן דעם קאמפיין דארפן מיר האבן די ריכטיגע אינפארמאציע צו דער האנט און דערטאפן דעם דעת הקהל און דערפאר וועלן מיר מוזן טון אונזער אייגענע פארש ארבעט.

איך אליין בין ארומגעגאנגען פון מעכל צו רעכל און אנגעהויבן אויספרעגן מענטשן מיט אזעלכע פשוט'ע פראגעס ווי, זאג מיר וואס דו ווייסט וועגן דרשו? קענסט איינעם וואס לערנט דרשו? ווען דרשו מאכט א סיום וואלסטו זיך באטייליגט? וואס קען דיך איבערצייגן אז דו זאלסט אנטיילנעמען אין א סיום?

צוביסלעך, פון פאקטיש אויספרעגן מענטשן און הערן זייערע מיינונגען האט זיך אויסגעקלארט דאס בילד וואו מ'שטייט אויף דער וועלט. כ'האב גענומען א פען און פאפיר און אפגעשריבן א רעפארט איבער די אויסקום פון מיין אייגענער אויספארשונג.

די רעזולטאטן זענען געווען בערך ווי פאלגנד:

1. יעדער איד האט שוין געהערט פון דעם נאמען "דרשו". ס'איז א נאמען וואס איז באקאנט אין יעדער אידישער שטוב.

2. ווען ס'קומט צו די דעטאלן, דארט

הערשט נישט אזא קלארקייט. אפילו די וואס האבן שוין געהערט פון דרשו האבן אבער נישט אלע געהאט געוואוסט וואס איז דרשו'ס ציל און וואס גענוי זענען זייערע פראגראמען און אונטערנעמונגען.

3. אפילו די וואס ווייסן פון דרשו, ווייסן נאר איבער די טעכנישע און טרוקענע חלקים פון דרשו, אז מ'נעמט חודש'ליכע בחינות אויף בלעטער גמרא און מ'באקומט דערפאר א חודש'ליכע טשעק. זיי האבן אבער נישט ארויסגעהאט דעם עומק פון דרשו און וואס דאס באדייט פאר'ן לומד.

4. ווען מ'האט גערעדט מיט'ן לומד אליין, ערשט דעמאלט איז ארויסגעקומען דעם קלארן בילד איבער דער ריכטיגער תוקפו וגבורתו של דרשו, ווי דאס איז נישט עפעס א בחינה פראגראם נאר א לעבנסטוישנדע ערפארונג וואס מאכט איבער דעם מענטש מקצה אל הקצה.

**■ דאס הייסט אז אייער אויספארשונג האט געטוישט אייער פערזענליכע בליק אויף דרשו און געברענגט אז איר זאלט קענען האבן די ריכטיגע מארקעטינג מעסעדזש וויאזוי צו אדרעסירן דעם ציבור?**

הונדערט פראצענט. כ'האב אנגעקלינגען א קרוב מיינער וואס כ'האב געוואוסט אז ער לערנט דרשו און איך געב אים א פרעג, יאסי, זאג מיר, וואס מיינט דרשו פאר דיר?

ער איז אויפגעשפרינגען, ער האט פשוט נישט געטראפן די ריכטיגע ווערטער מיט וואס זיך אויסצודרוקן. "מיילעך, פרעג מיין ווייב," איז געווען זיין ענטפער, נישט טרעפנדיג גענוג ווערטער אין לעקסיקאן וויפיל עס האט אים געטוישט זיין גאנצער מהלך החיים.

כ'האב זייער שנעל קענענגעלערנט אז דרשו מיינט נישט ביי דעם לומד נאך הונדערט פופציג דאלאר א חודש צו זיין בודזשעט נאר עפעס וואס האט געטוישט זיין לעבן. ער איז אן אנדערער מענטש א דאנק דרשו. זיין שטוב איז אנדערש. ווי מער כ'האב גערעדט מיט אידן וואס לערנען דרשו האב איך באקומען דעם זעלבן ענטפער נאכאמאל און נאכאמאל.

אזעלכע ערפארונגען האבן געעפנט מיינע אויגן און מיך געמאכט טראכטן, צי ווייסן דען מענטשן וואס דרשו איז? איז עס "בחינות מיט טשעקס", אדער איז עס א פראגראם פון כי הם חיינו ואורך ימינו וואס טוישט דעם מענטש?!

איין יונגערמאן האט מיר דערציילט ווי ער דארף אריינלייגן מינימום פופציג זעכציג שעה א חודש צו קענען מאכן די בחינה. דאס איז א חשבון פון צוויי שעה א טאג. א יונגערמאן פון שיכון סקווירא האט מיר דערציילט ווי יעדעס מאל ער ענדיגט א מסכת מאכט זיין פרוי סטעיק פאר נאכטמאל און די קינדער מאכן קרוינען לכבוד דער גרויסער שמחה. די אלע געשיכטעס האבן מיך זייער צוגערירט צו מיין הארץ, און איך האב געזוכט א מהלך וויאזוי עס איבערצוגעבן פאר כלל ישראל.

אויב וואלט איך גדארפט יעצט גיין און פארשטיין געבן וואס דרשו איז באמת, וויאזוי די פראגראם ארבעט, ווי גרויס עס איז, וואס דאס זענען בלויז טעכנישע דעטאלן, און ערשט דערנאך געקענט צוקומען צו די געוואלדיגע עפעקט וואס דאס האט אויף די לומדים און זייערע ארומיגע, וואלט די מעסעדזש אודאי פארלוירן געווארן אין אן אקעאן פון ווערטער. מיין קומענדיגע ארבעט איז געווען אפצושיילן די שיכטן און אנקומען צום נקודה פנימית און עס ארויסברענגען מיט א קורצע שלאג-ווארט.

כ'געדענק ווי מיין באלעבאס ר' דוד קויפמאן און איך זענען געזיצן אין קאר, אוועק פון די רוישיגע אפיס, און עס אויסגעשמועסט און דאן איז אויפגעשווימען די איידיע, "לאמיר ווייזן פאר די וועלט וואס עס מיינט צו זיין א דרשו איד", וואספארא טאטע ער איז, וואספארא מאן ער איז, און אזוי ווייטער.

יענע מינוט איז געווען דער מולד פון דער מושג "דער דרשו איד" און די געזאמלטע עפיזאדן זענען געווען די אינספיראציעס וואס האבן אויסגעפארמעט די 'דרשו אידן' סצענעס.

**■ וואס איז געווען די ערשטע שריט צו אימפלימענטירן דעם קאמפיין?**

איינמאל כ'האב אנגעהויבן אליין באקומען א קלארקייט וואס דרשו איז און כ'האב געזען ווי מיט אביסל אינפארמאציע האט זיך מיין גאנצע בליק געטוישט, האב איך געוואלט זען צי מ'קען דאס איבערגעבן ווייטער און צי דאס האט אן עפעקט אויף מענטשן.

כ'האב אנגעהויבן רעדן מיט יונגעלייט און זיי איבערדערציילט די אלע מעשיות וואס כ'האב געהערט פון לומדי דרשו. כ'האב ארויסגעברענגט ווי די דרשו אידן זענען דאך די חשוב'סטע וואס כלל ישראל פארמאגט, אידן וואס האבן א שטארקע ידיעה אין ש"ס, יונגעלייט און בעלי בתים וואס נעמען יעדע הונדערט אכציג טעג א בחינה אויף ריזיגע חלקים אין ש"ס. דאס איז דאך ממש די אויבערשטע פון שטייסל וועמען יעדער דארף ארויפקוקן און שעצן.

כ'האב געפרעגט ווייטער, וואלסטו געוואלט צייגן פאר דיינע קינדער אויף אזעלכע אידן אז זיי קוקסטו ארויף? און דער ענטפער איז געווען יא! וואלסטו געוואלט נעמען דיינע קינדער צו אזא סיום ווי עס זיצן טויזנטער אזעלכע אידן און דו ווייזט פאר דיינע קינדער אז דו ביסט מחשיב תורה און נאר דאס איז חשוב און נאר דאס דארף מען ארויפקוקן? און דער ענטפער איז ווידעראמאל געווען יא!

אז עס האט געארבעט האב איך געזען אז כ'האב די ריכטיגע צוגאנג. אנשטאט מסביר זיין די טעכנישע און פאקטיש טיילן פון דרשו ווי טויזנטער לומדי תורה לערנען און פארהערן זיך וועט עס פאקוסירן אויף דער טראנספארמאציע וואס "דער דרשו איד" גייט דורך אין זיין לעבן.

צוביסלעך האט זיך עס אנגעהויבן אריינזעצן ביי מיר אין הארץ אלץ מער און מער, אז יא, ס'איז דא אזא מין מושג ווי א דרשו איד. דאס איז א סארט סוג איד. ס'איז דא צוויי אידן וואס זיצן אין מקוה אויפ'ן זעלבן באנק און איינער איז א דרשו איד און דער צווייטער נישט.

דער דרשו איד איז א איד וואס לערנט יעדע איבעריגע מינוט, נישט בלויז ווייל ער איז קובע עיתים לתורה נאר ווייל ער האט שעבודים, ער מוז אנקומען, ער מוז ענדיגן; דער דרשו איד איז איינער וואס לאזט נישט נאך פון לימוד התורה אפילו ווען עס קומט אן שווער; דער דרשו איד שטייט אויף פארטאגס חזר'ן ווייל ער האט היינט א בחינה און ער האט נישט קיין ברירה; דער דרשו איד איז א איד וואס די גאנצע שטוב האלט מיט זיינע שיעורים, בחינות און סיומים און די שמחה פון לימוד התורה גיסט זיך איבער אויף ער גאנצער משפחה ווי תורה לערנען איז די בעסטע זאך אין דער וועלט.

מיר האבן באשלאסן אז אויב קענען מיר איבערגעבן אט די הרגשים אינערהאלב א מארקעטינג קאמפיין, אויב קען איך ווייזן פאר א מענטש אז ער זאל זען מיט די אויגן און שפירן אין די ביינער וואס איז דאס דער דרשו איד, האב איך אים געמאכט האבן די ריכטיגע הערצה און הבנה איבער דרשו מהו. און יעצט קען איך אריינקומען מיט די טעכנישע חלקים איבער'ן סיום רבתי, ווייל דער מענטש האט שוין די הרגשה אז ער מוז דארט זיין און זיך אנשליסן בהניא חברותא קדושתא.

**■ פיין, דער געדאנק איז דא און דער געדאנק איז שטארק, וויאזוי פארוואנדלט מען עס אלס א מציאות אין עולם המעשה?**

ווען דער פלאן איז שוין געווען גוט אפגעקאכט האבן מיר אפגעשריבן א "פראפאזעל" פון א מארקעטינג קאמפיין און עס פרעזענטירט פאר הרב האפשטאטער. ער האט עס באלד געגליכן און געגעבן זיין אקעי.

אצינד אז מ'האט שוין דעם אקעי אויך, איז אונז באפאלן די שווערע ארבעט וויאזוי מ'פירט עס אויס פאקטיש הלכה למעשה אויף א קלאסישן און פראפעסיאנאלן אופן וואס



זאגט זיך פיל גרינגער ווי געטון, האט מען זיך ארויסגעלאזט זוכן די פראפעסיאנאלן וואס קענען צולייגן א האנט אז די זאך זאל גיין מכוח אל הפועל.

**■ וואס זענען געווען די גרעסטע שוועריגקייטן ביים אהערשטעלן די פראדוקציע פאר דעם קאמפיין?**

מצד די טעכנישע חלקים איז געוויס געווען א גרויסע שטיין וואס מ'האט געדארפט איבערקומען, נעמליך, ווי גייט מען שאפן היימישע יונגעלייט וואס זאלן אויסשפילן די סצענעס און זיך לאזן בילדערן.

מיר האבן זייער שטארק נישט געוואלט נעמען קיין געווענליכע מאדעלן אדער אקטיארן פון פלעיס און שפילן ווייל מיר האבן געוואוסט אז דאס איז נישט קיין קאמפיין פון א דבר של חולין און עס דארף טראגן אן ערנסטקייט און רעספעקט, ווי אויך דארף דער דרשו איד דארף אויסזען עכט און מענטשן זאלן זיך קענען אידענטיפיצירן מיט זיי, און די סצענע דארף אויסזען ווירקליך, נישט ווי נאך אן אנאנס פאר א קליידונג געשעפט.

צוליב דער שוועריגקייט, איז דער אריגינעלער פלאן געווען צו מאכן די גאנצע פראדוקציע אין ארץ ישראל, וואו אהערשטעלן אזא זאך וואלט געווען גרינגער.

מיר האבן זיך פארבינדן מיט א באקאנטן פראדוצירער פון ארץ ישראל, וועלכער איז געווען זייער ענטוזיאסטיש צו דעם גדאנק און אויסגעדריקט זיין וויליגקייט אונטערצונעמען דעם פראיעקט.

זיין אריגינעלער פלאן איז געווען עס צו פילמירן אין אדעסא, אוקריינע, וואו ער האט שוין געהאט ערפארונג אהערצושטעלן ענליכע פראדוקציעס. מיר זענען איינגעגאנגען דערויף און אנגעהויבן שרייבן די סצענעס.

למעשה, נאכ'ן גוט שוקל זיין די צדדים האבן מיר באשלאסן אז די סוקסעס פון די קאמפיין וועט נאר זיין אויב עס קען אויסזען גאר אויטענטיש, און אויב וועלן מיר עס פאטאגראפירן אין אוקריינע וועלן מיר מוזן אויפגעבן אויף די ריכטיגע היימישע לאקאציעס, דערפאר האבן מיר געזוכט אן אנדערע אויסוועג.

**■ ווער האט געברענגט אז דער פראיעקט זאל זיך פאקטיש לאזן אין גאנג?**

אה, פונקט דעמאלט האט "דאַרט מידיע" געארבעט אינאיינעם מיט דעם חרדישן פראדוצירער ר' מענדי לענעראוויטש פון "אָנטיים" סטודיא, פאר א קאמפיין פאר די בארימטע חי לייפליין ארגאניזאציע, וואס איז דעמאלט געווען א געוואלדיגע סוקסעס, אזוי איז מענדי באוואוסטזיניג געווארן איבער אונזער דרשו קאמפיין און די שוועריגקייטן וואס מיר האבן באגעגנט אונטערוועגנס.

ווי מער ער האט געהערט איבער אונזערע פלענער איז ער אריינגעקומען טיפער אין דער זאך אז דאס געהערט ממש אין זיין פארטפאליא און ער קען עס דעליווערן.

מענדי האט אונז ממש געראטעוועט, ווייל צוביסלעך איז געווארן זייער שפעט און מיר זענען געזיצן אויף א צייט באמבע וויסנדיג אז ביז שבועות מוז דער קאמפיין זיין אין גאנג מיט'ן גאנצן קנאק.

**■ ווען איז דער טאלאנטפולער פאטאגראפיסט ר' יאסי גאלדבערגער אריינגעקומען אין בילד?**

צווישן יאסי און מיר הערשט א לאנגיעריגער ידידות און באלד פון די ערשטן מינוט האבן מיר זיך פארבינדן מיט אים צי ער קען נעמען אויף זיך דעם פראיעקט, און יאסי מיט זיין ווארעמע פערזענליכקייט איז באלד געווען גרייט צו העלפן. יאסי האט אבער נישט געוואלט נעמען אויף זיך אויך די ארבעט פון שאפן לאקאציעס און אוועקשטעלן די סצענעס מורא האבנדיג פון אזא גרויסע אונטערנעמונג. ווען מען האט גערעדט פון עס מאכן אין אוקריינע איז אפילו געווען א מדובר מיטצוברענגען יאסי. למעשה איינמאל מענדי האט עס גענומען אויף זיך האט יאסי זיך אנגעשלאסן אהערצושטעלן די ערשטקלאסיגע פאטאגראפיע ווי נאר ער קען.

מענדי האט איינגעפעדימט די זאך און

**למעשה, נאכ'ן גוט שוקל זיין די צדדים האבן מיר באשלאסן אז די סוקסעס פון די קאמפיין וועט נאר זיין אויב עס קען אויסזען גאר אויטענטיש, און אויב וועלן מיר עס פאטאגראפירן אין אוקריינע וועלן מיר מוזן אויפגעבן אויף די ריכטיגע היימישע לאקאציעס, דערפאר האבן מיר געזוכט אן אנדערע אויסוועג**

באגלייט די ערשטע זיבן-אכט סצענעס און פון דארט און ווייטער איז עס שוין געפארן מיט גרויס סייעתא דשמיא. אין די ערשטע פאר סצענעס האט ער מיט זיין טאלאנט און עקספיריענס פארשאפט די ריכטיגע לאקאציעס און באוויזן צו ערלעדיגן געווענליכע היימישע מענטשן וואס זאלן ערשיינען אין די בילדער צו פרעזענטירן די דרשו אידן. צוזאמען מיט יאסי האט מען אויסגעטרעטן דעם מהלך פאר די קאמפאזיציע און "לייטינג" פון די בילדער, און די 'פאטא-זשורנאליסטישע' געפיל וואס עס האט פארמאגט.

■ **ביים אויספלאנירן די סצענעס, וואס האט איר געזוכט צו ערגענצן און וואס האט איר געזוכט צו פארמיידן?**

ווי געזאגט, זענען גרויס טייל פון די סצענעס געווארן אינספירירט פוןווירקליכע שילדערונגען וואס כ'האב זיך אנגעהערט פון לומדי דרשו דורכאויס מיין פארש ארבעט.

כ'האב זייער שטארק געצילט נישט צו מאכן קיין אבנארמאלע סצענעס פון א מפורז'דיגע התמדה צי, זאל נישט אויסגערעדט ווערן, ווען א איד לערנט אויף יענעמ'ס חשבון, ווייל דאס איז נישט דער דרשו איד. ער איז א נארמאלער מענטש וואס נוצט אויס די איבעריגע צייט פאר התמדת התורה.

צום ביישפיל איז געווען א געדאנק צו מאכן א סצענע ווי א איד געפינט זיך צו דער זייט פון א חולה אין שפיטאל און דערביי זיצט ער מיט זיין גמרא'לע און כאפט אריין מינוטן תורה. כ'האב עס צוריקגעוויזן ווייל א דרשו איד קומט נישט לערנען ווען ער באזוכט א קראנקן אין שפיטאל, דעמאלט גיט ער זיך אפ מיט'ן חולה און באדינט אים...

עס איז דא א הצלה מעמבער א דרשו איד וואס לערנט אינעם ליידיגן אמבולאנס אויפ'ן וועג אהיים פון שפיטאל. ס'האט שטארק געצויגן צו מאכן אזא סצענע, ס'וואלט געמאכט אסאך 'באזז', אבער ארומפרעגנדיג וואס דער עולם זאגט דערצו, האבן אלע געזאגט אז 'ס'קומט נישט אזוי'...

די סצענעס האבן געדארפט נאכקומען א דינע ליניע. פון איין זייט האט עס געדארפט זיין אייגנארטיג און נישט "קלישעי", נאכאמאל די טיפישע סצענעס וואס יעדער האט שוין געזען טויזנט מאל. פון דער אנדערער זייט האט עס געדארפט פרעזענטירן א יעדן טאגיגע סצענע, אז דער מענטש זאל קענען שפירן ווי עס רעדט צו אים און זיינס גלייכן.

נעמט למשל די באס סצענע. אוודאי פארט נישט א געווענליכער מענטש יעדן טאג מיט'ן באס, ס'איז אבער א סצענע וואס ער קען זיך



**איך האב שטארק געוואלט דערציילן א נייע מעשה אין יעדן בילד, כ'האב פרובירט צו פארמיידן פון ווייזן נאכאמאל די זעלבע רעיון, לדוגמא נאכאמאל א מענטש לערנט אינמיטן די ארבעט און כמובן אז דאס איז געווארן שווערער מיט יעדן בילד**

גרינג פארשטעלן און יעדער האט אין קאפ אזא בילד.

עס זענען אויך געווען עטליכע געדאנקען וואס מ'האט געלייגט אין די זייט וויבאלד ס'איז געווען צו איבערגעטריבן. ווי למשל, יום כיפור אין שול ביי הפסקה, אדער ערב יום כיפור אויף די שורה צום שוחט מיט'ן הינדל אין האנט. אדער ווייל מ'קען עס זען יעדן טאג, ווי א חברותא אין כולל, כאטש וואס ס'וואלט געווען א ריכטיגע בילד פון דרשו אידן.

איך האב שטארק געוואלט דערציילן א נייע מעשה אין יעדן בילד, כ'האב פרובירט צו פארמיידן פון ווייזן נאכאמאל די זעלבע רעיון, לדוגמא נאכאמאל א מענטש לערנט אינמיטן די ארבעט און כמובן אז דאס איז געווארן שווערער מיט יעדן בילד. אנדערע האבן מיר כסדר אריינגעשיקט געדאנקען, אבער רעדנדיג מיט דוד קויפמאן האט ער זייער גוט ארויסגעברענגט אז כמעט אלע זענען געווען נאך איינס פון די זעלבע, א רעכענער אין אן אלטע גראסערי, א טראק דרייווער, א ציצית פאבריק. אלס פיין און וואויל אבער נישט קיין פרישן בליק איבער דעם דרשו איד.

■ **פון א מארקעטינג פערספעקטיוו, וועמען האסטו געוואלט איינשליסן אינערהאלב די סצענעס און ווער איז געווען דיין געצילטער מענטש; כולל יונגעלייט אדער בעלי בתים אין ארבעטער?**

ביידע, ווי דער אריגינעלער ציל פון דרשו וואס שליסט איין יעדן איד אשר בשם ישראל יכונה און ווי די פראגראמען זענען טאקע אויסגעשטעלט סיי פאר'ן כולל יונגערמאן אלס א העדפה און זייטיגער שיעור צו זיינע רעגלמעסיגע שיעורים און סיי פאר'ן בעל בית אלס א מיטל פאר א פעסטער קביעת עתים לתורה מיט חזרה און בחינות.

דורכאויס מיין פארש ארבעט האב איך זיך ערשטהאנטיג באקענט ווי דרשו נעמט אריין אלע שיכטן פון פאלק. מיין שכן איז א פארנומענער אקאונטענט און איז א פלייסיגער דרשו איד וואס נעמט אלע בחינות.

דערפאר זענען די סצענעס דעזיינט געווארן אז עס זאל צילן אלע שיכטן פון פאלק. סיי ארבעטער און סוחרים וואס רייסן זיך אוועק אין א פרייער מינוט פאר לימוד התורה, סיי בני תורה און כולל יונגעלייט, א שטייגער ווי דער טאטע וואס פראוועט דער סיום אין שטוב און זיין קינד דערלאנגט אים דעם שיינעם 'מזל טוב טאטי' טארט, וואס טראגט די צורה פון א חשוב'ן כולל יונגערמאן, אדער טאטע וואס לויפט נעמען די בחינות און די קינדער ווינטשן אים הצלחה וואס טראגט אויך דעם געשטעל

פון א בן תורה א כולל יונגערמאן.

■ **דאס אז דער קאמפיין האט אויפגעריסן במלוא מובן המילה דארף איך אייך נישט זאגן. שווער צו גלייבן אז איר האט אפילו געקענט דערווארטן אזא אפקלאנג. מיין שאלה איז, וואס זאגן די הויפט מחותנים, די לומדי דרשו גופא, צום גאנצן גאנג פונעם קאמפיין?**

ווי איך קוק עס אן האט דער קאמפיין געברענגט דרייכפאכיגע פאזיטיווע נאכפאלגן:

1. עס האט געברענגט פאר לומדי דרשו א געוואלדיגער כבוד און חיזוק. איך האב באקומען גרוסן פון אלע עקן וועלט. א איד פון לאנדאן האט מיך גערופן וויפיל חשק דער קאמפיין האט אריינגעברענגט אין זיין לימוד התורה. ער זעט ווי ער איז נישט אליין, ער איז איינגעשלאסן אין אן אלוועלטליכע הייליגע חבורה פון לומדי תורה בהתמדה וואס ווערן געשעצט איבעראל.

א איד פון שיכון סקווירא האט מיך גערופן זאגן, אז ער הענגט אויף אלע עדס אין זיין דיינינג רום. א איד האט מיר געזאגט אז זיין זון לערנט אין בריסקער ישיבה אין ארץ ישראל און ער האט ארומגעהאנגען די אלע עדס ארום זיין בעט.

2. עס האט געברענגט א געוואלדיגע "סופארט סיסטעם" פאר די לומדים, אז מ'זאל זיי שעצן, סיי אין שטוב סיי וואו נאר אימער, און דער כלל איז דאך אז דברי תורה צריכים חיזוק, און ווען די ארומיגע שעצן עס און העלפן ארויס קומט אן גרינגער צו מצליח זיין אין די לימודים.

3. געוויס האט עס אריינגעברענגט נייע לומדים און אי"ה וועט עס ברענגען אז מענטשן זאלן אנטיילנעמען אינעם סיום רבתי, און ווער עס האט נאר א משפחה מיטגליד וואס לערנט דרשו זאל שפירן אז ער מוז דארט זיין אין סאלידאריטעט מיט דעם דרשו איד און זיין משפחה.

איך שפיר אז מיר האבן ב"ה ערגענצט אונזער אריגינעלן ציל. ווי געזאגט אנהויב שמועס, מיר וואלטן געקענט מאכן א קאמפיין וואס זאל ברענגען מענטשן צום סיום מיט'ן מסביר זיין ווי היסטאריש עס גייט זיין, ווי די מוזיק גייט זיין אזאנס און אזעלכעס און חדשים לאנג קארמען אינעם עולם איבער דער געוואלדיגער פראגראם וואס גייט זיין וואס קיינער וויל נישט אדער קען נישט פארפאסן. עס וואלט טאקע אנגעפילט דעם סטאדיום אבער וואלט קיינמאל נישט געברענגט צום אויבערפלאך דעם זיסן חן וואס דער דרשו איד האט און דער זיסער טעם וואס ער שפירט אין זיין תורה לערנען. ■



## דעם פאטאגראפירער'ס פערספעקטיוו

יאסי האט דעליווערט איינס און א גוטס.

דאס ארטיסטישע אויג קען זיך נישט גענוג אפזעטיגן פון באאבאכטן די קונסט בילדער. כמעט וואס עס שפילט זיך אפ דעם כל זמן שאתה ממשמש בהם אתה מוצא בהם טעם חדש און יעדעס מאל מ'באטראכט דעם בילד כאפט מען אויף עפעס א נייע קליינליכע דעטאל וואס מ'האט פריער נישט באמערקט.

אין א שמועס מיט'ן טאלאנטפולן פאטאגראפיסט ר' יאסי גאלדבערגער, שילדערט ער זיינע פראפעסיאנעלע און פאטאגראפיסטישע איינדרוקן איבער די זיבעצן קינסטליכע סצענעס אינערהאלב דעם דרשו קאמפיין.

אריגינעל, זאגט יאסי, האט מען געשריבן בלויז צען סצענעס, אבער נאך דעם ברייטן אפקלאנג און דער געוואלדיגער אפעקטיוויקייט פון דעם קאמפיין, האט מען אויסגעברייטערט צו נאך זעקס סצענעס מיט א סך הכל פון 17 סצענעס.

דער קאמפיין איז געלאזט געווארן אין גאנג צו שבועות דער יו"ט פון קבלת התורה. באלד האט זיך עס אנגעהויבן מיט צוויי עדס אויפאמאל אויסגעשפרייט צווישן פארשידנארטיגע אויסגאבעס און צייטונגען. "א געווענליכער מענטש ליינט מער ווי איין פאפיר," זאגט יאסי אז דער ליינער זאל תיכף ומיד אויפפאסן אז דאס איז א סעריע און נישט בלויז נאך אן עד, אזוי איז עס ווייטער געלאפן במשך די קומענדיגע וואכן מיט צוויי עדס פער וואך.

"דייקא די 'אימפערפעקשאן' פון דעם בילד מאכט עס אויסזען עכט," גיט אונז יאסי זיין אנאליז, "ווייל דאס איז נישט נאך אן עד פון א קלאודינג געשעפט נאר ווי א נאטירליכע סצענע, עטוואס ווי פאטא-זשורנאליזם וואס כאפט אפ א ווירקליכע סצענע אויף דער גאס.

"א רעאליסטישע סצענע איז קיינמאל נישט פערפעקט. די וועלט איז נישט פערפעקט. כ'האב געוואוסט אז איך פארקויף נישט קיין חלום נאר רעאליסטישע זאכן. ס'איז טאקע א משל אבער נישט קיין משל וואס לא היה ולא נברא, נאר היה ונברא."

"ביים דריטן עד האט עס אויפגעריסן," ענטפערט ער אויף מיין פראגע ווען ער האט אנגעהויבן שפירן ווי די ערד ברענט אונטער זיינע פיס און דאס איז נישט נאך א קאמפיין נאר עפעס פרעצעדענטלאז. "ווען ס'איז געקומען צו דער דריטער סצענע ווי דער עלטערער איד מיט'ן בלויען העמדל זיצט און לערנט אין זיין שאפ, דעמאלט האט מען געזען אז מ'האט צוגערירט א נערוו און דער עולם שפרינגט פונעם קאמפיין אויף א פארנעם וואס מ'האט קיינמאל נישט געקענט ערווארטן.

# סצענע שטריכן

## אינטערעסאנטע קרישקעלעך איבער די טעכנישע דעטאלן ביים פאטאגראפירן די סצענעס, פארצייכנט דורך ר' אלימלך גראס

**אריגינעלע בילדער:** מענטשן האבן געהאלטן אינאיין שפעקולירן צי די בילדער זענען צוגעפוצט ("פאטאשאפד"), ווי די תפילין אויפ'ן באס, די טיקעטס אין חדר, דער יונגל ביים סיום, אא"וו. דער אמת איז אבער אז ס'איז אלעס געווען כמעט לויטער פאטאגראפיע.

נאר וואסזשע דען, ס'איז כמעט אוממעגליך צו האבן א בילד וואו יעדער עלעמענט איז פערפעקט צו דער זעלבער סעקונדע, דערפאר ליגט די קאמערע אויף א טריי-פאד, אזא סטענד, אזוי אז עס רירט זיך נישט און נעמט צענדליגער בילדער אז דערנאך זאל מען קענען צוזאמשטעלן דעטאלן און חלקים פון אן אנדערן בילד לייכטערהייט, ווען נויטיג. ווידער ווען מען האלט די קאמערע מיט די הענט, רוקט זיך דער מענטש א משהו בשעת'ן דרוקן די קנעפל און צוזאמשטעלן צוויי בילדער ווערט שוין א גאנצע אפעראציע.

**פאכמאנשאפט נעמט צייט:** מענטשן האבן מיר געהאלטן אין איין פרעגן, וואס דויערט אזוי לאנג צו כאפן א בילד?

אט איז א שטיקל שילדערונג וויאזוי ס'איז צוגעגאנגען דאס פאטאגראפירן א סצענע. געוויסע נקודות זענען שוין דערמאנט געווארן אין דעם ארטיקל, אבער מיר וועלן אויסשמועסן כסדרן קיצור "הלכות פאטאשוט".

די ערשטע זאך האט מען געדארפט באשליסן וואס די סצענע זאל זיין. למשל, אויב איז עס א סיום, וועלכע סארט משפחה? ווער איז דער טאטע? וועלכע סארט הויז? וואס זאל ליגן אויפ'ן טיש? וויפיל מענטשן? וואס גייען זיי האבן אנגעטון? וואס זאל יעדער טון?

צוויי: מאדעלס און לאקאציעס, און ערלעדיגן אלע קליידונג.

אמאל זוכט מען א חסידישן יונגערמאן מיט א נאטירליכע בארד, ווייל דאס איז אין דער שילדערונג. נישט אלעמאל איז עס געגאנגען אזוי לייכט. אפטמאל האט מען געדארפט נישטערן צו טרעפן אן אויטענטישן אינגערמאן וואס זאל אריינפאסן אין די ראלע.

די קינדער האט מען גענוצט מיינע יונגלעך און פלימעניקעס. אמאל איז עס געווען שכנים און באקאנטע און אין געוויסע פעלער פרעמדע פאר באצאלט.

אפילו די קליידונג פון די קינדער האט מען געדארפט באגלייטן, עס זאל זיין חסידיש אויסזעענדע העמדער, נישט קיין קורצע ארבל. די יונגערע קינדער האט מען אנגעטון "מעטשינג" אבער עלטערע קינדער פאסט נישט צו גיין "מעטשינג", האט מען עס געלאזט מיט אן ענליכן העמד אבער נישט ממש די זעלבע.

**לאקאציע איז א שליסל:** אין יעדע לאקאציע איז אריין קאפ און מחשבה. צום סיום פארטי, צום ביישפיל, האט מען געזוכט זייער א פשוט'ע קאך וואס זאל זיין סימפל אבער האבן אסאך כאראקטער. דער וועג צו האבן פשוט אבער אינטערעסאנט איז דורך אביסל מגזם זיין. טרעפן עפעס וואס איז אביסל אויסגעדינט איז געווען די שליסל. מ'האט געדארפט פסל'ען עטליכע לאקאציעס ביי א שיינע פאר סצענעס. ס'איז נישט גרינג געווען, אבער ס'האט געלוינט.

ס'איז געווען מערערע אפציעס פאר דיינינג רומס, פאר שולן, פאר בעקיארדס, וכו' און נישט אלעמאל איז גרינג צו מאכן א באשלוס וועלכע איז ריכטיג, נאכדערצו ווען מען זעט עס בלויז פון א בילד און מען ווייסט נישט וואס ס'טוט זיך אפאר טריט ארויף.

אנקומענדיג צו דער לאקאציע האט מען זיך מתחילה געדארפט מאכן "היימיש" מיט'ן פלאץ און ערשט דערנאך האט מען געקענט אנהויבן טראכטן פון נעמען בילדער.

קודם דארף מען באשליסן א קאמפאזיציע, וואס זאל מען יא אדער נישט זען אין בילד און וואו גענוי זאל די קאמערע זיצן.

מען גייט ארום אויף די לאקאציע מיט'ן קאמערע און מען פרובירט פארשידענע איידיעס. דערויף איז נישטא דוקא איין ריכטיגע מהלך, וויבאלד דאס זענען קריעטיווע באשלוסן וואס יעדער מאכט לויט ווי ער האט דאס בילד ביי זיך אין קאפ. דערפאר קען דאס דויערן א שטיק צייט ביז מ'טרעפט די ריכטיגע ענגעל וואס איז מוסכם אויף יעדן, וואס ווייזט אלעס וואס מ'וויל ווייזן, און גארנישט פון וואס מ'וויל נישט האבן אין בילד.

**ויהי אור:** דערנאך לייגט מען אראפ די קאמערע און מ'רירט עס נישט. מ'זעצט אראפ די מאדעל און מ'הייבט אן אויסארבעטן די "לייטינג".

דאס איז א לאנגע מסכת פאר זיך אויסצופלאנען וואספארא סארט "לייטינג" וועט זיין די בעסטע און וויפיל לייטס מ'דארף. געווען וואו מ'האט גענוצט איינס צוויי, און געווען וואו 6-7 לייטס.

מ'שלעפט אריין די עקוויפמענט און מ'שטעלט אויף די לייטינג. מ'מאכט זיכער אז דער מאדעל האט גוטע ליכטיגקייט אויף זיך, אז די חלקים פון די בעקגראונד וואס ברויכן ליכטיגקייט זאלן באקומען וואס זיי ברויכן, דערנאך איז דא 'סעפערעישן לייטינג' וואס מ'שיינט הינטער'ן מאדעל אים אפצושיידן פונעם בעקגראונד, ער זאל ארויסשטיין.

אויסער'ן באשליסן וויפיל לעקטערס אנצוצינדן און וואו זיי אראפצושטעלן, קאנטראלירט דער פאטאגראפירער וויפיל ליכטיגקייט יעדע לייט גיט ארויס. אזוי אויך באנוצט מען זיך מיט ספעציעלע גרויסע 'רעפלעקטערס' וואס פארשטערקערן די ליכטיגקייט וואו מען ברויך עס, אדער פילטערס וועלכע פארווייכערן ("סאפטענען") די לייט ווען ס'איז צו הארט.

דערווייל וואס מען מאכט די לייטינג ענדיגט מען אויך צו מסדר זיין די לאקאציע אז אלעס זאל אויסזען פערפעקט, אראפזעצן די מענטשן, אראפשטעלן פראפס, וכו'.

ווען די לייטינג איז מער וויינינגער צופרינדשטעלנד ענדיגט מען צו פלאצירן די מענטשן, מען ווייזט אן פאר די מאדעלס וואס צו טון, מ'פראבירט צו אנווייזן יעדן צו טון וואס ער דארף, אבער נאכאלץ לאזן יענעם זיין נאטירליך, און דערווייל בליצט די קאמערע אן אויפהער, מ'רוקט דעם אביסל אהער, יענס אביסל אהין, שטערקער די לייט, בייג די רעפלעקטער, און אזוי ווייטער, מ'רוקט אהער און אהין, מ'מאכט איבער איינמאל און נאכאמאל, ביז מ'שפירט די קיצל 'אה, מ'האט עס!' ■